**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט סעלקירק שאָורס סטעיט פארק צו אונטערגיין 9 מיליאן דאלארדיגע אויפרעכטונג**

***קעמפינג שטחים פארבעסערונגען, נייע פארק אפיס און בית הכסא'ס, פרעזערווירונג פון היסטארישע CCC געביידעס זיך צו אנהויבן אין סעפטעמבער 2024***

***פראיעקטן וועלן פארמערן צוגענגליכקייט און ענערגיע שפארזאמקייט***

***זעהט מאלערייען פון די דעזיין [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אן ארומנעמיגע 9 מיליאן דאלארדיגע מאדערניזירונג צו די קעמפינג שטחים און איינריכטונגען ביי סעלקירק שאָורס סטעיט פארק אין אסוויגאָו קאונטי וועט זיך אנהויבן אין סעפטעמבער 2024. דער פראיעקט איז טייל פון אן אנגייענדע באנייטע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס סטעיט פארק סיסטעם אזוי ווי עס פייערט די 100'סטע יארטאג.

"מיט איר אויסגעצייכנטע קעמפינג, פישעריי, שווימען, שיפלען און טרעילס, איז סעלקירק שאָורס די בעסטע פון דרויסנדיגע פארוויילונג פלעצער אין ניו יארק סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונג אין די פארק וועט בענעפיטירן די לאקאלע עקאנאמיע דורכן צוציהען נייע באזיכער צו זעהן אלעס וואס די פארק האט צו אפפערן, און אזוי אויך צו פארזיכערן איר פאזיציע אלס א טייער-געהאלטענע זומערדיגע טראדיציע פאר אירע רעגלמעסיגע באזיכער."

די פארק אפיס וועט ערזעצט ווערן און די אויסשטעל פון די אריינגאנג און ארויסגאנג וועט איבערגעארבעט ווערן צו פארבעסערן די פלוס פון טראפיק און פאר גרינגערע טשעק-אין און טשעק-אוט. די צוויי עקזיסטירנדע קעמפינג בית הכסא'ס וועלן ערזעצט ווערן מיט גרעסערע, מער צוגענגליכע איינריכטונגען געפונענדיג זיך אויף א מער צענטראלע פלאץ צווישן די וועגן אין די פארק. די נייע איינריכטונגען וועלן אריינרעכענען צוגענגליכע שויערס, סטאנציעס צו טוישן די ווינדלען פאר בעיביס און סטאנציעס צו וואשן געשיר. זיך האלטנדיג צו די סטעיט פארקס'ס מיסיע צו פארקלענערן די ענווייראמענטאלע השפעה פון אירע אפעראציעס, וועלן די נייע געביידעס זיין באדייטנד מער ענערגיע-שפארזאם פון די וועלכע זיי ערזעצן.

פארבעסערונגען צו די קעמפינג שטחים ביי סעלקירק שאָורס וועלן זיין איינס פון די הויפט עלעמענטן פון דעם פראיעקט, אריינרעכענענדיג אינסטאלירן צושטיקלטע שטיינער אדער פעך ביי אלע פון די 130 קעמפינג פלעצער, פארבעסערן שטורעם וואסער אפלויף, צולייגן מער וואסער פאמפס צו די וועגן ארום די קעמפינג שטח און אינסטאלירן נייע זיכערהייט פיטשעווקעס. די פארק'ס 24 קאבינעס וועלן באקומען צוגענגליכקייט מאדערניזירונגען און פארבעסערונגען צו זייערע עלעקטרישע דראטן, ציגלנע ווענט און דעכער.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג קאמישאנער, עריק קוּלעסעיד, האט געזאגט,** "סעלקירק שאָורס סטעיט פארק איז טייער געהאלטן געווארן דורך דורות פון ניו יארקער, און מיר זענען גאר שטאלץ מיטן אויף איר רעפוטאציע אריין אין די קומענדיגע יאר הונדערט פון די פארקס. די רענאוואציעס זענען נאך א באדייטנדע טריט פאראויס אין אונזער אינציאטיוו איבער עטליכע יאר צו אויפלעבן אונזערע פארקס, זיי אויפהאלטן אויף אן ענווייראמענט-פריינטליכן אופן און די מערסטע קריטיש — צו בעסער באדינען אונזערע באזיכער. מיר קוקן ארויס צו פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג סעזאן מיט אונזערע סעלקירק שאָורס קעמפערס און זיי צוריק ענטפאנגען צו אן איבערגעפרישטע פארק אין 2026."

**אסעמבלי מיטגליד וויל בארקלעי האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט צו זעהן די איבערגעגעבנקייט פון די סטעיט צו מאדערניזירן סעלקירק שאָורס סטעיט פארק. די אינוועסטירונג וועט פארזיכערן די פארק'ס צוקונפט אלס א דרויסנדיגע פארוויילונג דעסטינאציע פאר דורות פון ניו יארקער. דער פראיעקט ווייזט ארויס די איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און גלעגנהייטן פאר יעדער וואס זוכט צו געניסן פון טייל פון די בעסטע חלקים פון אסוויגאָו קאונטי. איך קוק ארויס צו די פארענדיגונג פון די צוגאבעס און צו מיטטיילן די ערפארונג פון די לאנגיאריגע פאזיטיווע השפעות וואס דאס וועט האבן אויף אונזער לאקאלע קאמיוניטי."

כדי צו אויספירן די פארבעסערונגען ווירקזאמערהייט אן מוותר זיין אויף די ערפארונג פון באזיכער, וועלן די קעמפּינג שטחים און קאבינעס ביי סעלקירק שאָורס זיך פארשפארן נאך לעיבאר דעי 2024 און בלייבן פארמאכט פאר דעם 2025 קעמפּינג סעזאן. קעמפערס זענען איינגעלאדנט צו גיין אויף וואקאציע ביי דערנעבנדע סטעיט פארקס ווי סאַוטוויק ביטש, פעיר העיווען ביטש, וועסטקאט ביטש, וועטסטאָון גאלף, בוירנהעם פוינט און סידער פוינט סטעיט פארק. סעלקירק שאָורס וועט בלייבן אפן פאר באנוץ דורכאויס די טאג שעה'ן דורכאויס דעם פראיעקט.

אנדערע פארבעסערונגען רעכענען אריין ערזעצן די פארק שילד און בויען א נייע שפילארט. סטרוקטורן וואס זענען געבויט געווארן דורכאויס די 'גרעיט דעפרעסיע' דורך די ציווילע אפהיטונג קארפוס ( Civilian Conservation Corps) וואלן פאררעכטן און פרעזערווירט ווערן. די צוויי בית הכסא געביידעס וואס זענען אפן פאר די טאג שעה'ן וועלן רענאווירט ווערן און געמאכט ווערן מער צוגענגליך מיט העלצער וואס זענען אפגעשוואכט געווארן ערזעצט און די דאך פאררעכטן. די גרויסע פאוויליאן אויף די זייט פון די לעיק, וואס ווערט גענוצט פאר פיקניקס, חתונות, נאטור פראגראמען און געשעענישן, וועט באקומען א טאטאלע אויפרעכטונג און פרעזערווירונג ארבעט צו אנהאלטן די אריגינעלע צורה און מאטעריאל. דאס נעמט אריין דאס ערזעצן טיילן פון אפגעשוואכטע העלצער, איבערדעקן די דרויסנדיגע זייט, ערזעצן די גלאז פון די טירן און פענסטער און ערזעצן די דאך שינגעלס מיט 'פלעשינג' און איבערמאכן די קוימען. מאנשאפטן וועלן אויך פארבעסערן די קיך און אינסטאלירן א בית הכסא און די אויסגעפלאסטערטע וועגן פאר אלע סעזאנען וואס קומט נאך ADA פארלאנגען. פיל פון די ארבעט וועט געטוהן ווערן דורך די פארקס'ס פאכלייט מאנשאפטן.

סעלקירק שאָורס סטעיט פארק געפונט זיך אין פולאַסקי, איבערקוקנדיג א פעלז אויף די זייט פון לעיק אָנטאַריאָ. די פארק איז באקאנט פאר איר קעמפּינג, פישעריי, גרעיט לעיקס ברעגע וואו מען קען שווימען און איר נעטווארק פון טרעילס. איר לאקציע נעבן די סעלמאן ריווער און אויף די וועג וואו פיל פויגלעך פליהען אריבער מאכט דאס פאר א פאפולערע פלאץ פאר שיפלער און פויגל ליבהאבער צוגלייך. מער פון 100,000 באזיכער קומען צו די פארק יערליך.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלעך פארטן און

מער, וואס האבן געזעהן דורך א רעקארד-הויכע צאל פון 79.5 מיליאן באזוכן אין 2022. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע NY State Parks Explorer עפּ אדער רופט 518.474.0456: שליסט זיך אן מיט אונז ביים פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט אייך מיט אונז אויף Facebook, Instagram, Twitter און אויף די OPRHP 'בלאָג'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418